



# "We Moofe" from *Motl the Cantor's Son*

# מיר מופֿן

1

In America there's a custom: you moofe. That is, you pack up from one apartment to the next. From one street to the next. From one biznes to the next. Everybody has to moofe. If you don't moofe of your own free will, then they make it so you have to.

That is, if you don't pay the money for your apartment (here it's called "rent"), they make a complaint and then throw you out. That's called "moofing you out." So you shouldn't be surprised when they ask you, "When are you moofing?" And if they ask you, you have to answer. For refusing to answer, my brother Elye got such a scolding from a customer of ours, who comes in for matches (what we call *shvebelekh*). That is, every week he gets a box of matches at our stand, without paying. Here they give you matches for free. You don't even have to wait till they give them to you. You just go over and take them.

א

אין אַמעריקע איז אַ מינהג — מע מופֿט. דאָס הייסט מע פּעקלט זיך פֿון איין דירה אין דער אַנדערער. פֿון איין סטריט אין דער אַנדערער. פֿון איין ביזנעס אינעם אַנדערן. יעדער איינציקער מוז מופֿן. מופֿט ער ניט מיט זײַן גוטן ווילן, מאַכט מען אים, ער זאָל מופֿן.

דאָס הייסט, אַז איר צאָלט ניט קיין דירה־געלט (דאָ הייסט עס „רענט"), גיט מען אײַן אויף אײַך און מע וואַרפֿט אײַך אַרויס. ווערט דאָס אָנגערופֿן, אַז מע האָט אײַך אַרויסגעמופֿט. דעריבער טאָרט איר זיך ניט וווּנדערן, אַז מע טוט אײַך אַ פֿרעג: „ווען מופֿט איר?". און אַז מע פֿרעגט אײַך, מוזט איר ענטפֿערן. פֿאַר ניט וועלן ענטפֿערן האָט מײַן ברודער אליה געכאַפּט אַ פּסק פֿון אונדזערן אַ קאָסטאָמער, וואָס גיט אונדז צו לייזן פֿאַר „מעטשעס" (שוועבעלעך). דאָס הייסט ער באַקומט פֿון אונדזער סטענד אַלע וואָך אַ באַקסל מעטשעס אָן געלט. דאָ גיט מען שוועבעלעך אומזיסט. מע דאַרף גאָר ניט וואַרטן ביז מע וועט געבן. מע גייט צו און מע נעמט אַליין.

**By Sholem Aleichem, translated by Lawrence Rosenwald**

ILLUSTRATIONS BY DANIEL KRALL

## 2

The customer I'm telling you about is a strange guy. Maybe I should draw him for you. Who he is, what he is—we don't know. Where he lives and what his bizneses are—we don't know that either. A rich man clearly he isn't. That much you can see from his threadbare coat, which he never changes, from his worn-out hat, from the patches on his shoes. But he's a very precise kind of man. He arrives every day at the same hour, the same minute. He picks up the morning paper, has a look at the first and the last pages, takes a look in the middle of the paper, and puts the paper back down. As for buying, well, he hasn't bought anything at all from us. Except that every day he takes a box of matches for free. And that every day he reads the morning paper. Which probably annoyed my brother Elye. Once a joke, twice a joke, but not a joke forever. So one time Elye thinks it over and says to him:

"It costs a penny."

The customer does what he does; that is, he reads the first and the last pages of the morning paper. My brother Elye raises his voice:

"It costs a cent."

The customer takes a look at the middle, folds the paper, and puts it away, just where it was before.

*"Who he is, what he is—we don't know. Where he lives and what his bizneses are—we don't know that either."*

## ב

דער קאָסטאָמער, וואָס איך דערצייל אײַך, איז אַ מאָדנער מענטש. עס איז כּדאַי איך זאָל אײַך אים אָפּמאָלן. ווער ער איז און וואָס ער איז — ווייסן מיר ניט. ווו ער וווינט און וואָס זענען זײַנע ביזנעס — ווייסן מיר אויך ניט. קיין רײַכער מאַן, ווײַזט אויס, איז ער ניט. דאָס זעט מען נאָך זײַן אויסגעריבענעם „קאָוט", וואָס ער בײַט אים קיין מאָל ניט איבער, נאָך זײַן אָפּגעבאַרעט קאַפּעליושל און נאָך זײַנע געלאַטעטע שיך. דערפֿאַר איז ער אָבער זייער אַן אַקוראַטנע מענטש. ער קומט צו אַלע טאָג אין דער זעלבער שעה און צו דער זעלבער מינוט. ער נעמט דעם מאָרגן־פּייפּער, טוט אין אים אַ קוק אַרײַן אויף דער ערשטער און אויף דער לעצטער „פּיידזש", כאַפּט אַ קוק אויך אין דער מיט פֿונעם פּייפּער און לייגט אים אַוועק צוריק. קויפֿן האָט ער נאָך קיין איינציק מאָל בײַ אונדז ניט געקויפֿט קיין זאַך, אַחוץ וואָס ער נעמט אַלע וואָך אַ באַקסעלע „מעטשעס" אומזיסט, און אחוץ וואָס ער לייענט אַלע טאָג דעם מאָרגן־פּייפּער. האָט דאָס מײַן ברודער אליהן מסתּמא פֿאַרדראָסן. איין מאָל אַ חכמה, צוויי מאָל אַ חכמה. אָבער ניט אַלע טאָג. איז זיך מישבֿ אליה איין מאָל און טוט אים אַ זאָג:

— עס קאָסט אַ פּעני...

דער קאָסטאָמער טוט זיך זײַנס. דאָס הייסט ער לייענט די ערשטע און די לעצטע פּיידזש פֿונעם מאָרגן־פּייפּער. מײַן ברודער העכערט דאָס קול:

— עס קאָסט אַ פּעני...

דער קאָסטאָמער טוט אַ קוק אַרײַן אין מיטן, לייגט צונויף דעם פּייפּער און לייגט אים אַוועק אויפֿן זעלבן אָרט, ווו ער איז געלעגן.

## 3

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

*At this point the text of* Motl the Cantor's Son *breaks off. "We Moofe" was the last thing, the last lines, that Sholem Aleichem ever wrote, a few days before he departed from us, already lying on his deathbed. He had also put down a large, block-print gimel [indicating a part 3], but after the gimel there are only empty white pages, so that the unknown customer, without a name, is still unknown to us, and all the other images and types of Jewish-American ghetto life that may have aroused the ever-alert imagination of our great portraitist in his last days remain locked and sealed away from Yiddish literature forever.*

Lawrence Rosenwald *is Anne Pierce Rogers Professor of English at Wellesley College.*



## ג

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

[אויף דעם אָרט ווערן איבערגעריסן מאָטל פּייסע דעם חזנס מעשׂיות פֿון אַמעריקע. „מיר מופֿן" איז געווען די לעצטע זאַך, די לעצטע שורות, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן עטלעכע טעג פֿאַר זײַן אַוועקגיין פֿון אונדז, שוין ליגנדיק אויף זײַן טויטנבעט. ער האָט נאָך אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן געכּתיבֿהטן אות „ג", נאָר נאָכן גימל גייען אין מאַנוסקריפּט ליידיקע ווייסע בלעטלעך, אַזוי אַז דער אומבאַקאַנטער „קאָסטאָמער" אָן אַ נאָמען בלײַבט אומבאַקאַנט, און די אַלע ווײַטערדיקע בילדער און טיפּן פֿונעם ייִדיש־אַמעריקאַנישן געטאָ־לעבן, וואָס האָבן גערעגט דעם שטענדיק וואַכנדיקן דמיון פֿון אונדזער גרויסן שילדערער אין זײַנע לעצטע טעג, בלײַבן פֿאַרשלאָסן און פֿאַרזיגלט פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור.]